בית חינוך לבנות על טהרת הקודש

בית פיגא

עיה"ק ירושלים תובב"א

בנשיאות מורינו ראש הישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך

# די וואך אין אונטער שולע

פרשת **חיי שרה** לערן **וועבערמאן**

## דערציילט פון די פרשה

- שרה ווערט נפטר, אברהם באגראבט איר אין מערת המכפלה.
- אברהם זאגט פאר אליעזר גיין זוכן א כלה פאר יצחק.
- אליעזר בעט דער אייבערשטער ער זאל טרעפן א מיידל א צדיקת זי זאל קענען זיין יצחק'ס כלה.
- די וואסער קומט ארויף פאר רבקה.
- די חסד פון רבקה.
- דער נס פון די סם אין די עסן.
- יצחק מיט רבקה האבן חתונה.
- די דריי ניסים קומען צוריק צו די געצעלט.



## געזונגען אין שולע



## מידה פֿון די וואך

**מיר לערנען זיך אויס פון רבקה אז מען דארף טון חסד מיט אנדערע.**

## געלערנט קאליר:



# כתום





# א מעשה פֿון א צדיק

## מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען

בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאבְּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן, זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע לַאגֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁטֶעכֶעדִיגֶע דְרָאטְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן דָארְט. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטוּן אַלֶע אִידְן מִיט פַארְשֶׁעמְטֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן אַרֶעסְטַאנְטְן אִין תְּפִיסָה, אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גֶעלֶע שְׁמַאטֶע מִיט אַ מָגֵן דָוִד, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשוֹירְן אַלֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶענוּמֶען אִין לַאגֶער, דָארְט הָאט מֶען יֶעדְן אוֹיסְגֶע'שוּרָה'ט אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט יֶעצְט יֶעדְן אֵיינֶעם אָפְּשֶׁערְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת. רֶבִּי יִצְחָק הָאט גֶעוִויסְט פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעוִויסְט אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת"; עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל.

דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ קוּמְט



נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, עֶר שְׁנַיידְט אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי יִצְחָק הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן מַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת"; עֶר קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיי רֶבִּי יִצְחָק אוּן... בּ וּ וּ וּ ם...! דִי שֶׁערְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן.

דֶער עֶס יִמַּח שְׁמוֹ וֶוערְט גֶערֶעגְט, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן, עֶר וֶוערְט אִין כַּעַס, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי שֶׁערְל, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, רֶבִּי יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן הֵיילִיגֶע בָּארְד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס מִיר וִוילְן אוּן וָואס מִיר דַארְפְן - גֵייעֶן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס גֵייט מֶען נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אַ תְּפִלָּה, אַ תְּפִלָּה - אוֹיף דַיין אֵייגְן שְׁפְּרַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - בַּאקוּמְט מֶען יֶעדֶע זַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - וֶועסְטוּ נִסִים זֶען, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - יְשׁוּעוֹת וֶועט גֶעשֶׁען".

# מעשיות פון תפילה

בס״ד

**רבקי לעווינזון** - פאר איך בין געגאנגען שלאפן האב איך געבעטן דער אייבערשטער איך זאל קענען אויפשטיין פרי ש׳כח אייבערשטער איך בין אויפגעשטאנען פרי.

**רוחמה פיגא פערל** - איך האב באקומען א קלאפ און ביינאכט האט מיר אנגעהויבן וויי טון די קלאפ האב איך געבעטן דער אייבערשטער ס׳זאל נישט וויי טון ש׳כח אייבערשטער ס׳האט אויפגעהערט וויי טון.

**הענדי פערל** - אונז זענען געפארן צו א חתונה און איך האב געבעטן דער אייבערשטער אונז זאלן אניאגן די חופה ש׳כח אייבערשטער אונז האבן אנגעיאגט.

**אילה לעווינזון** - איך האב געזוכט מיינע שיך און איך האב עס נישט געקענט טרעפן האב איך געבעטן דער אייבערשטער איך זאל טרעפן מיינע שיך ש׳כח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

**שרי בריל** - איך האב געבעטן דער אייבערשטער ליבי זאל טיילן א נאש לכבוד איר געבורטס׳ס טאג ש׳כח אייבערשטער זי האט געטיילט.

**חוה לאה פערל** - איך האב געבעטן דער אייבערשטער איך זאל קומען אין גן נאך די לערן ש׳כח אייבערשטער איך בין געקומען נאך די לערן.

**ליבי בריל** - איך האב געבעטן דער אייבערשטער איך זאל האבן א געבורט׳ס טאג ש׳כח אייבערשטער איך האב געהאט.

**דבורי לעווינזון** - אונז האבן געזוכט די שיך פון אונזער אינגאלע איך האב געבעטן דער אייבערשטער מען זאל עס טרעפן ש׳כח אייבערשטער מען האט געטראפן די שיך.

**נחמי בריל** - איך האט געבעטן דער אייבערשטער איך זאל טרעפן מיינע אש׳ע שיך ש׳כח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.